# וועגן צוויי ביטערע ענינים

אין יוני־יולי־נומער „היימיש“ געפינען זיך צוויי זאַכן, וואָס האָבן מיך פשוט דערשיטערט. אין אייערע חודש־נאָטיצן דערציילט איר וועגן אַ הויכן באַאַמטן אין תל־אביבער עיריה פון דער ספרדישער עדה, וואָס האָט געזאָגט צו אַן אשכנזישער פרוי, וועלכע האָט אים באַליידיקט: „אַ שאָד וואָס היטלער האָט נישט אָנגעהאַלטן נאָך אַ צען טעג — כדי אייך אַלע אשכנזים צו פאַרניכטן!“ נישט וועגן דעם מנוול גייט עס מיר דאָ, וואָס ווען נישט די איטשע־מאירס, די אשכנזים, וואָלט ער געהאַט אַ קדחת און נישט אַ פריי יידיש לאַנד, ער וואָלט נאָך אפשר געלעגן ערגעץ אין מיסט אין מאַראָקאָ, אָדער ערגעץ אַנדערש, און אָנגעהיזן געוועזן אויפן חסד פון גרויזאַמע שכנים, און נישט געווען אַ הויכער באַאַמטער אין אַ פרייער מדינה. פאַרוואָס פאַרלאַנגען מיר אַז אַנדערע לענדער זאָלן פאַר אַזאַ חטא באַשטראָפן מיט תפיסה און פאַרלירן די שטעלע, און ביי אונז קאָן מען אָפּקומען נאָר מיט אַ פאַרחורף? אמת, מיר האָבן אַ רעכט צו האָבן שרצים פונקט ווי יעדעס אַנדערע פאָלק, פאַר אונז איז אָבער מער געפערלעך אַריבערצוגיין צום טאָג־אָרדענונג ביי אַזאַ זאַך, ווי עס קאָנען עס אַנדערע געאָרדנטע לענדער טון. און וואָסערע פערספּעקטיוון דאָס גיט, ווען זיי זאָלן, חלילה, באַקומען די מאַכט אין לאַנד! עס קאָנען ביי זיי אויך אויפשטיין דעמאַגאָגן.

מיר קאָנען פלוצלינג פאַרוואַנדלט ווערן אין „ווייסע“ מיט די אַלע פּאָלגן פאַר די ווייסע אין די פאַרביקע לענדער. עס איז אונזער חוב באַלד פון אָנהייב דאָס שלעכטס אַרויסצורייסן מיטן וואָרצל, אַזוי ווי מיר פאַרלאַנגען עס פון די אַנדערע פעלקער.

חשובער קאָלעגע, איך בין נישט פאַר דעם, אַז מיר זאָלן באַהאַלטן אונזערע שלעכטע זייטן, ווייל נאָר דער אמת איז דער בעסטער לערער. פונדעסטוועגן זענען פאַראַן זאַכן מיט וועלכע מען קאָן וואַרטן. אין מיטן פונעם זייכמאַן־פּראָצעס ברענגט איר ק. צעטניקס „ווי רופט מען מיך, זאָגסטו?“! מיר האָבן דאָס פשוט נישט קאַ כוח אויסצוהאַלטן. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל עפנט פאַר אונז אויף די שוואַרצסטע אָפּגרונטן. מיר שטייען פאַר זיי צעטומלט און צעשראָקן. עס טוט אונז טויזנט

…יעדערס
אַנדערע פֿאָלק, [illegible] אַריבערצוגיין צום טאָג־אָרדענונג ביי אַזאַ זאַך, ווי עס קאָנען עס אַנדערע געאָרדנטע לענדער טון. און וואָסערע פּערספּעקטיוון דאָס גיט, ווען זיי זאָלן, חלילה, באַקומען די מאַכט אין לאַנד! עס קאָנען ביי זיי אויך אויפֿשטיין דעמאַגאָגן.

מיר קאָנען פּלוצלינג פֿאַרוואַנדלט ווערן אין „חייסע“ מיט די אַלע פּאָלגן פֿאַר די ווייסע אין די פֿאַרביקע לענדער. עס איז אונזער חוב באַלד פֿון אָנהייב דאָס שלעכטס אַרויסצורייסן מיטן וואָרצל, אַזוי ווי מיר פֿאַרלאַנגען עס פֿון די אַנדערע פֿעלקער.

חשובער קאָלעגע, איך בין נישט פֿאַר דעם, אַז מיר זאָלן באַהאַלטן אונזערע שלעכטע זייטן, ווייל נאָר דער אמת איז דער בעסטער לערער. פֿונדעסטוועגן זענען פֿאַראַן זאַכן מיט וועלכע מען קאָן וואַרטן. אין מיטן פֿונעם זייכמאַן־פּראָצעס ברענגט איר ק. צעטניקס „ווי רופֿט מען מיך, זאָגסטו?“! מיר האָבן דאָס פּשוט נישט קאַ כוח אויסצוהאַלטן. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל עפֿנט פֿאַר אונז אויף די שוואַרצסטע אָפּגרונטן. מיר שטייען פֿאַר זיי צעטומלט און צעשראָקן. עס טוט אונז טויזנט מאָל מער וויי, ווי ווען וועלכער עס איז דייטש וואָלט דאָס געטון. מיר ווייסן, אַז דער דאָזיקער האָט אָנגעטון צרות. אָבער איין זאַך איז אַזאַ וויסט און אַ צווייטע זאַך, צו באַקומען דאָס גאַנצע בילד פֿאַר די אויגן, אַזוי ווי ק. צעטניק קען עס געבן. וווּ איז רחמנות? איז דאָך דאָ אַן אַלטער טאַטע, אַ הויך־פֿאַרדינסטפֿולער ייד. פֿאַרוואָס דאַרף מען אים פֿאַרביטערן די לעצטע פּאָר יאָר? ק. צעטניק איז דאָך נאָך אַ יונגער מענטש. ער האָט נאָך געקאָנט וואַרטן מיטן פֿאַרעפֿנטלעכן דווקא דאָס בוך, און איר — מיטן קאַפּיטל.

פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָך בר־מצווה, טראָגט שוין יעדער ייד אויף זיך אַליין אַלע עבֿירות. אָבער אַלע ווייסן אויך, אַז אַזוי איז עס נישט, אַז אַ זון איז שטענדיק אַ זון און אַ טאַטע איז שטענדיק אַ טאַטע. און אַזוי שוואַך איז דער נאָמען קאָמפּלירט, ווי עס וואָלט זיך נאָר געהאַנדלט אויסצומיידן אַ געריכט און דאָס וואָלט מען אויך נישט געקאָנט, ווען עס וואָלט געקומען דערצו. איך ווייס, עס איז שווער צו רעדאַגירן אַזאַ קאָמפּליצירטן זשורנאַל ווי „היימיש“ און אַלע צופֿרידנשטעלן.

מיט די בעסטע גרוסן — אייער **פּנחס וועלנער**, קאָפּענהאַגן

---

— וואָס איז דאָס אויב נישט נאָר אַ פּרעטעקסט, דער לעצטער, אפֿשר, אופֿן פֿון באַערן דעם אומשטערבלעכן קולט פֿון עראָס.